בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# סְ'אִיז גוּט

**אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט וִוי אַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועֶרֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אִין לֶעבְּן.**

**אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "שְׁכַח מֵהַצָּרוֹת" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ
**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ
**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# סְ׳אִיז גוּט

## א

## סְ׳גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת עַצְבוּת, סִימָן ל״ד) ״כָּל הַנִמְשָׁךְ אַחַר צַעֲרוֹ יוֹתֵר מִדַי, הַצַעַר נִמְשָׁךְ אַחֲרָיו״ – וֶוער עֶס טְרַאכְט צוּ סַאךְ פוּן זַיינֶע צָרוֹת, וֶועלְן דִי צָרוֹת אִים נָאכְלוֹיפְן. אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן כ״ז:) אַז וֶוער עֶס טְרוֹיעֶרְט צוּפִיל אוֹיף אֵיין צָרָה, וֶועט קוּמֶען אוֹיף אִים נָאךְ צָרוֹת.

די נאַטור פון אַ מענטש איז צו טראַכטן אַסאַך פון זיינע צרות און פּראָבלעמען. יעדער מענטש האָט פּראָבלעמען, יעדער מענטש גייט דורך שוועריקייטן אין זיין לעבן, און דאָס מאַכט אים אַסאַך טראַכטן דערפון. דער אמת איז אָבער אַז מיט דעם וואָס אַ מענטש טראַכט אַסאַך פון זיינע צרות, מאַכט ער נאָר אַז זיינע צרות זאָלן זיך פאַרמערן און אים נאָך מער נאָכלויפן. ווען אַ מענטש וועט זיך צוגעוואוינען צו פאַרגעסן פון זיינע צרות, נישט צו טראַכטן צופיל פון זיינע פּראָבלעמען, וועט ער זען ווי זיי וועלן פאַרשוואונדען ווערן, און ער וועט האָבן אַ בעסערע און געשמאַקערע לעבן.

עס זאָגט זיך זייער גרינג אַז מען דאַרף פאַרגעסן פון די צרות, עס איז אָבער זייער שווער דאָס אויסצופירן אויף למעשה. ווי אַזוי קען מען

צוקומען צו דעם, נישט צו טראכטן א גאנצן צייט פון די צרות וואס נעמען ארום דעם מענטש פון אלע זייטן?

די עצה צו דעם איז אז מען זאל זיך צוגעוואוינען צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גוטע זאכן וואס מען האט. ווען מען זאל גוט אריינטראכטן וועט מען זען אז מען האט אזויפיל גוטע זאכן אין לעבן, דער אייבערשטער טוט פאר׳ן מענטש אזויפיל טובות און חסדים יעדן טאג און יעדע מינוט, און דער מענטש ווערט אזוי צוגעוואוינט דערצו, ביז עס דאכט זיך אים אז דאס קומט אזוי, ער רעדט זיך איין אז דאס איז פשוט אזוי די טבע און נאטור, עס קומט אזוי צו האבן אלע גוטע זאכן אין לעבן, און דעריבער טראכט ער אפילו נישט דערפון, און זיכער דאנקט ער נישט דעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. אוּן נָאכְדֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אוּן קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי צָרָה.

וֶוען מֶען וֵוייסְט אָבֶּער דֶעם אֱמֶת אַז גָארְנִישְׁט קוּמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט אִיז נָאר אַ טוֹבָה אוּן אַ חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, דַאן וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט דִי צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס מֶען הָאט, מֶען וֶועט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען גֵייט דוּרְךְ, אוּן מֶען וֶועט זִיךְ מֶער קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט.

װען אַ מענטש גייט אַרום מיט אַן אַראָפּגעלאָזטע נאָז, ער האַלט אין איין װיינען און זיך אָפּרעדן אויף זיינע צרות, אויף דעם שלימזל װאָס לויפט אים נאָך אַ גאַנצן טאָג, װי שלעכט עס גייט אים זיין לעבן; װערט ער דורך דעם נאָך מער אַריינגעצויגן אין זיין ביטער מזל. װען אַ מענטש האָט אָבער שׂכל און טראַכט נאָר פון די גוטע זאַכן װאָס ער האָט, װי גוט עס גייט אים אין לעבן, ער דאַנקט דעם אייבערשטן אויף די פילע טובות װאָס ער טוט מיט אים; דאַן װעט זיין לעבן אויפשיינען און ער װעט שפירן ממש װי אין גן עדן אויף די װעלט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ב').

חז"ל זאָגן (אוצר האַגדה) װער איז אַן אמת'ער עושר? דער װאָס האָט די ראשי תיבות פון "עשיר" װאָס דאָס איז "ע'ינים ש'נים י'דים ר'גלים" - ער

האט בָּרוּךְ ה׳ אויגן צו זען, ציין צו עסן, הענט זיך צו רירן, און פיס צו גיין. א מענטש מיינט אז די אלע זאכן קומען זיך פאר אים, ״איך מוז דאך האבן פיס צו קענען ארומגיין און הענט צו קענען אנגיין און זיך רירן אין לעבן, איך מוז דאך האבן אויגן צו זען און ציין צו קענען עסן״, ווען א מענטש זאל אבער חס ושלום פארלירן זיינע אויגן און אויפהערן צו זען רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זאגן חז״ל (נְדָרִים ס״ד:) אז ער איז ווי א געשטארבענער מענטש, און נאך זאגן חז״ל (יוֹמָא ע״ד:) אז א בלינדער ווערט נישט זאט, ער שפירט נישט קיין טעם אין עסן, ער האט מער נישט קיין לעבן אויף דער וועלט.

ווען א איד זאגט אינדערפרי די בְּרָכָה פון ״פּוֹקֵחַ עִוְרִים״ דארף ער ווערן זייער פרייליך פון דעם, ער דארף א גאנצן טאג טאנצן און דאנקען דעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט בָּרוּךְ ה' יָא אוֹיגְן צוּ זֶען, עֶר אִיז נִישְׁט בְּלִינְד. ווִי אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ נָאךְ אָפְּרֶעדְן אוּן הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף דָאס אוּן אוֹיף יֶענְץ, וָואס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט וִוי עֶר וִויל, עֶר אִיז דָאךְ אַזַא גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט אוֹיגְן אוּן עֶר קֶען זֶען.

אַנְשְׁטָאט צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַמָאל גֵיין בַּאזוּכְן אִין שְׁפִּיטָאל, לֵיידֶער זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן נֶעבֶּעךְ צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם בֶּעט אִין שְׁפִּיטָאל, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען אַלֵיין, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן אַלֵיין, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ פַארְשִׁידְנַארְטִיגֶע מַאשִׁינֶען וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְּן זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן. דִי מַאשִׁינֶען הֶעלְפְן זֵיי אָטֶעמֶען אוּן גֶעבְּן אַרַיין אִין זֵיי

עֶסְן. דֶער מֶענְטְש וָואס שְׁפִּירְט דָאס נִישְׁט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע הוֹיט וֵוייסְט נִישְׁט ווִי וַוייט עֶר דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז בָּרוּךְ ה׳ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן עֶר קֶען אַלֵיין אָטֶעמֶען, עֶר קֶען אַלֵיין צֶעקֵייעֶן דָאס עֶסְן מִיט זַיינֶע צֵיינֶער. מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיף דֶעם אַלֵיין. פוּן דֶעם אַלֵיין קֶען שׁוֹין אַ מֶענְטְש זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אוּן פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן צָרוֹת.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי הֶענְט וָואס אַ מֶענְטְש הָאט, וָואס מִיט דֶעם קֶען עֶר זִיךְ רִירְן, עֶר קֶען גֶעבְּן אוּן נֶעמֶען. עֶר הָאט פִיס מִיט וָואס עֶר קֶען גֵיין, וָואס אוֹיף דֶעם דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי בְּרָכָה ״הַמֵּכִין מִצְעֲדֵי גָבֶר״. מֶען קֶען

דאָך זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיך נָאר פוּן דֶעם אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. וֶוען מֶען זָאל בֶּאֱמֶת אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דֶעם, וָואלְט מֶען גֶעוֶועןְ אַזוֹי פְרֵיילִיך אוּן צוּפְרִידְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְנוּמֶען זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן אוֹיף דִי פָּאר אוּמְבַּא'טְעַמְ'טֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט.

אוּן דִי גְרֶעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַז מִיר זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זֶענֶען בָּרוּךְ ה' נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן פוּן גוֹי'אִישֶׁע עֶלְטֶערְן. מִיט דִי בְּרָכָה אַלֵיין פוּן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" וָואלְטְן מִיר שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג אוּן נָאךְ מִיט וָואס זַיין פְרֵיילִיךְ.

## ב

## איז עס טאקע אזוי געפערליך?

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ז׳) אז ווען די טבע וועט בטל ווערן, וועט קומען די גאולה. ווען מענטשן וועלן אויפהערן צו טראכטן אז אלעס פירט זיך בדרך הטבע, מען וועט זיך מער נישט איינרעדן אז אלעס וואס גייט גוט, קומט פשוט אזוי פון נאטור אויס; דאן וועלן זיי ווערן אויסגעלייזט פון אלע זייערע צרות און פראבלעמען.

ווען א איד האט א קלארע און ריינע אמונה, ער ווייסט און גלייבט אז גארנישט אויף דער וועלט פאסירט פון זיך אליין, אלעס פירט נאר דער אייבערשטער, עס איז נישטא אזא זאך ווי טבע, אז די וועלט דארף זיך אזוי פירן ווייל אזוי איז די

נאטור און טֶבַע פון דֶער וֶועלְט; דַאן וֶועט עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ שְׁפִּירְן דַאנְקְבַּאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר בַּאקוּמְט, עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, און עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

חֲזַ״ל זָאגְן (תַּעֲנִית ח׳.) ״כָּל הַמַּצְדִּיק אֶת עַצְמוֹ מִלְמַטָּה, מַצְדִּיקִים עָלָיו הַדִּין מִלְמַעְלָה״ אֲפִילוּ דִי וָואס גֵייעֶן נֶעבֶּעךְ דוּרְךְ אֱמֶת׳עֶ שְׁוֶוערֶע צָרוֹת, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט גֶעזוּנְט, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה און וֶוערְן צֶעדְרוּקְט אִין אָרִימְקֵייט, מֶענְטְשְׁן וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען, מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, און

די װעלכֶע הָאבְּן נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי װַייטֶער אַזֶעלְכֶע צָרוֹת װָאס זֶענֶען לֵיידֶער נִישְׁט קַיין אַיינְגֶערֶעדְטֶע זַאכְן װָאס מֶענְטְשְׁן זוּכְן זִיךְ אַמָאל אַלֵיין צָרוֹת פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד, נָאר דָאס זֶענֶען אֶמֶת׳עֶ שְׁװֶוערֶע צָרוֹת; אֲפִילוּ זֵיי, אוֹיבּ װֶועלְן זֵיי זִיךְ צוּגֶעװוֹאוֹינֶען אַלֶעמָאל אוֹיפְצוּזוּכְן דִי גוּטֶע זַאכְן װָאס זֵיי הָאבְּן אִין לֶעבְּן, זֵיי װֶועלְן זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע זַייט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן אַזוֹיפִיל פוּן זֵייעֶרֶע צָרוֹת, װָאלְטְן זֵיי טַאקֶע פַארְגֶעסְן פוּן זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּן גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קצ״ה) אוֹיף דֶעם װָאס דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִים (ד׳, ב׳) ״בַּצָר הִרְחַבְתָּ לִי״, אַז דָוִד הַמֶלֶךְ, כָאטְשׁ װָאס עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹיפִיל צָרוֹת אִין זַיין לֶעבְּן,

הָאט עֶר אֵייבִּיג אוֹיפְגֶעזוּכְט עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אִין די צָרוֹת. אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה אַלֵיין הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶער חֵלֶק אִין דֶעם, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז דִי צָרָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעפֶּערְלִיךְ. עֶר הָאט אַלְץ גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס מִיט וָואס זִיךְ מְחַי׳ צוּ זַיין אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דֶעם, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין לֶעבְּן טְרָאץ זַיינֶע אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער.

חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס׳.) ״לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר כָּל מַאן דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד״ - אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַלֶעמָאל צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט. דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, וִוי מֶער עֶר וֶועט זִיךְ

אַרײַנלייגן אין די הייליגע אֱמוּנָה, ווי מער ער וועט אַרײַנטראַכטן אין די גוטס וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים צו יעדע צייט, אַלץ מער וועט ער פאַרגעסן פון זײַנע צָרוֹת און האבן אַ גליקליך לעבן.

חז״ל זאגן (נִדָּה ל.) ״אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִיסוֹ״, דער מענטש כאַפּט נישט וואסערע נִסִים דער אייבערשטער טוט מיט אים. חז״ל זאגן (שְׁמוֹת רַבָּה, כ״ד, א׳) ווי ווייט אַ מענטש נעמט נישט אין אַכט די גרויסע חֲסָדִים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים פָּשׁוּט ווען ער עסט אַ שטיקל ברויט, ווייל נאָרמאַלערהייט ווען אַ מענטש שלינגט אַראָפּ אַ שטיקל ברויט וואלט דאס צעריבן און צעקראַצט זיין געדערים פון אינעווייניג און ער וואלט דאס נישט געקענט איבערלעבן, און דעריבער האט דער אייבערשטער באַשאַפן אַ קוואל אינעם מענטש

וָואס מַאכְט אִים אֵייבִּיג פַייכְט אוּן נַאס פוּן אִינֶעוֵוייניג אַז דָאס עֶסְן זָאל זִיךְ גְרִינְגֶערְהֵייט קֶענֶען אַרָאפּגְלִיטְשְׁן. זֶעט מֶען ווִי אֲפִילוּ אוֹיף אַזַא קְלֵיינִיקֵייט דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט אַז עֶס קוּמְט אַזוֹי אַז מֶען קֶען עֶסְן אוּן דִי עֶסְן גְלִיטְשְׁט אַרָאפּ אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אוֹיךְ נָאר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ח', ג') "כִּי לֹא עַל הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם, כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִּי ה' יִחְיֶה הָאָדָם", נִישְׁט דִי בְּרוֹיט גֶעבְּט לֶעבְּן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס הַאלְט אַ מֶענְטְשׁ בַּיים לֶעבְּן.

לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דִי אַלֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז,

לאָמיר אָנהויבן זיך צו פרייען מיט די גוטע זאכן וואס מיר האָבן, און גוט געדענקען נישט צו נעמען די אלע זאכן פאר גרינג אַז דאס אלעס קומט זיך אונז, נאר וויסן אַז דאס אַלעס איז גרויסע חסדים פונעם אייבערשטן וואס טראכט אַלעמאל פון אונז און וויל אונז נאר העלפן; און דאן וועלן מיר שוין נישט האָבן די צייט צו טראכטן פון אונזערע צרות, מיר וועלן פארגעסן פון אלע צרות, און לעבן אַ פרייליכע און אַ געשמאקע לעבן.

## ג

### צו וועמען קען מען זיך אויסוויינען?

ס׳איז גרויסע צרות - דאס איז וואס מען הערט פון זייער אסאך מענטשן. און ס׳איז טאקע אזוי, מענטשן ליידן ליידער אסאך צרות און יסורים, מענטשן גייען דורך אסאך שוועריקייטן אין זייער

לֶעבְּן, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנאַרְטִיגֶע פֶּעקְל צָרוֹת וָואס עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט זִיךְ, און קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן. דִי צָרוֹת לוֹיפְן נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר הַאלְט אִין אֵיין זִיךְ עֶסְן דָאס גֶעזוּנְט און אִיבֶּערְטְרַאכְטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל זַיינֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן. וֶוען עֶר טְרֶעפְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גְרֵייט אִים אוֹיסְצוּהֶערְן, וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ פַאר יֶענֶעם, עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען און אוֹיסְקְרֶעכְצְן אִיבֶּער דָאס שְׁוֶוער לֶעבְּן וָואס עֶר הָאט, און וִוי שְׁטַארְק עֶס טוּט אִים וֵויי דִי אַלֶע צָרוֹת וֶועלְכֶע הָאבְּן אִים בַּאטְרָאפְן.

דֶער אֱמֶת׳עֶר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז פוּן דֶעם וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן. דָאס טְרַאכְטְן דִי גַאנְצֶע צַייט פוּן דִי צָרוֹת, וֶועט זֵיי נִישְׁט אַוֶועק שְׁטוּפְּן; און דָאס וֵויינֶען און קְרֶעכְצְן צוּ

מֶענְטְשְׁן, וֶועט אויך נִישְׁט צוּפִיל הֶעלְפְן. פַארְקֶערְט, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט אִין אֵיין זִיךְ אָפְּרֶעדְן. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן נֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן נִישְׁט נֶעבְּן אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ. יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְן פֶּעקְל צָרוֹת, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ בַּאקוּמֶען נָאךְ אַ פְרִישׁ פֶּעקְל אוֹיפְ׳ן קָאפּ.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הַאלְטְן זַיינֶע צָרוֹת בַּיי זִיךְ אִין בּוֹיךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְ׳צָרָה׳ט מוּז עֶר דָאס אַרוֹיסְגֶעבְּן פוּן זִיךְ. אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס אַיינְהַאלְטְן בַּיי זִיךְ, קֶען עֶס חַס וְשָׁלוֹם פְּלַאצְן וֶוען דָאס מֶעסְטְל וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעפִילְט אוּן מֶען הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס.

דֶערְפַאר, וֶוען אַ מֶענְטְש זֶעט אַז עֶר לַיידְט צָרוֹת, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אִיז זַיין בֶּעסְטֶע עֵצָה אַז עֶר זָאל דָאס אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטִילֶערְהֵייט, וֶוען קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, וְוִי שְׁטַארְק עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן. אַזוֹי וְוִי עֶר וָואלְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַן אֱמֶת׳עֶר נָאנְטֶער חַבֵר אוּן עֶר וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט פַאר אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, עֶר וָואלְט אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ. דִי זֶעלְבֶּע, אוּן נָאךְ פִיל מֶער, דַארְף מֶען טוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פַאר מֶענְטְשְׁן שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נָאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַמָש אַלֶע דֶעטַאלְן, נִישְׁט

אַלעס קען מען זיך ערלויבן אויסצוזאגן פאר אַ מענטש, אַפילו ווען יענער איז גאר אַ נאָנטער חבר. פאַר׳ן אייבערשטן קען מען אָבער יאָ אַלעס דערציילן, דער אייבערשטער שטייט און וואַרט צו הערן יעדעס וואָרט וואָס דער מענטש רעדט זיך אויס צו אים, און דער אייבערשטער העלפט יעדן מענטש וואָס קומט צו אים און בעט אים זיין הילף.

עס זענען דאָ מענטשן וואָס פרעגן: ״פאַרוואָס פעלט אויס צו רעדן צום אייבערשטן אויף אידיש, אויף די אייגענע שפּראַך? מיר האָבן דאָך די באַשטימטע דריי תּפילות, שחרית מנחה און מעריב, וואָס מיר דאַווענען יעדן טאָג צום אייבערשטן, איז דען דאָס נישט גענוג?״

זאָגט דער רבּי אויף דעם אַ משל, אַזוי ווי מען פלעגט אַמאָל פאָרן מיט אַ פערד און וואָגן דורך אַ

וַואלְד, אִיז גֶעוֶוען אַ הוֹיפְּט וֶועג וואו יֶעדֶער פְּלֶעגְט דָארְט פָארְן, אָבֶער דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה צוּ פָארְן, וַוייל עֶס פְּלֶעגְן זַיין רוֹיבֶּערְס אוּן גַזְלָנִים וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, זֵיי פְלֶעגְן וַוארְטְן אוֹיף אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וֶוען עֶס וֶועט דוּרְכְפָארְן אַ וָואגְן, אוּן דַאן זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעטַאנְצְן פוּן זֵייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אוּן אָנְגֶעפַאלְן אוֹיף דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי בַּארוֹיבְּט אָן רַחֲמָנוּת. אִיז אָבֶער גֶעוֶוען קְלוּגֶע בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶעם וֶועג אִין וַואלְד, אַנְשְׁטָאט צוּ פָארְן אוֹיף דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע וֶועג, הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶע אוּמְוֶועג צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, אוּן דָארְט זֶענֶען נִישְׁטָא קַיין רוֹיבֶּערְס, וַוייל זֵיי וֵוייסְן דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ זָאגְן פוּן דֶעם נֵייעֶם וֶועג, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט

דורְכְפָארְן דֶעם וַואלְד רוּאִיגֶערְהֵייט אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען.

זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן צ״ו) אַז דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיטְ׳ן דַאוְונֶען. יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ דַאוְונֶען יֶעדְן טָאג דִי בַּאשְׁטִימְטֶע דְרֵיי תְּפִלּוֹת, מֶען דַארְף אָבֶער הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין דִי תְּפִלּוֹת בְּשָׁלוֹם, אַז מֶען זָאל טַאקֶע אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען זָאגְט אוּן אוֹיסְנוּצְן דָאס דַאוְונֶען זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַנְשְׁטָאט דֶעם קוּמֶען דִי רוֹיבֶּערְס, דִי קְלִפּוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן זֵיי בַּאפַאלְן דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיים דַאוְונֶען, זֵיי מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַארְ׳חָלוֹמְ׳ן אוּן טְרַאכְטְן פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר נִישְׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר זָאגְט, אוּן אַזוֹי פְלִיט דוּרְךְ דִי

גאַנצע דאַווענען אַן דעם וואָס דער מענטש זאָל וויסן אַפילו וואָס ער האָט דאָ געזאָגט.

ווען אַ איד איז אָבער קלוג, מאַכט ער זיך זיין אייגענע וועג. אויסער די דריי תפלות טרעפט ער זיך נאָך אַביסל צייט זיך אויסצורעדן צום אייבערשטן פון האַרץ אַרויס אויף זיין אייגענע שפּראַך. דאָרט מוז ער דאָך שוין אינזין האָבן ווייל דאָס זענען זיינע אייגענע ווערטער וואָס ער רעדט זיך אויס צום אייבערשטן. און ווי מער מען טוט דאָס, ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפּראַך, אַלץ ווערט דער מענטש צובּיסלעך מער און מער אויסגעריינעגט און אויסגעלייטערט, דאָס נעמט אַראָפּ פון אים אַלע זיינע שלעכטס, ער באַקומט אַ ריינע און קלאָרע

מֹחַ, אוּן נָאכְדֶעם קֶען עֶר שׁוֹין אִינְזִין הָאבְּן אוֹיךְ בַּיי דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע תְּפִלּוֹת וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט זִיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים אוּן וִויל אִים נָאר הֶעלְפְן, דַאן קֶען עֶר זִיךְ גְרִינְגֶער טְרֵייסְטְן פוּן זַיינֶע צָרוֹת, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְ׳ן וַואסֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אוּן וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי צוּצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ מַמָשׁ וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית י״ט, י״א) ״וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר פֶּתַח הַבַּיִת הִכּוּ בַּסַּנְוֵרִים, וַיִּלְאוּ לִמְצֹא הַפָּתַח״, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּלִינְד, אוּן זֶעט נִישְׁט דִי טִיר וואוּ אַרַיינְצוּגֵיין. זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳,

סִימָן פ״ד) אַז דֶער טִיר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי מוֹיל, דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ עֶפְנְט זַיין מוֹיל אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם גֵייט אַרָאפּ פוּן אִים דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִים, עֶר הוֹיבְּט אָן וֶוערְן נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ פָּטוּר פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת.

אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן נָאר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט דָאס טוּן, וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין לֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן

פון אַלֶע צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ אִין לֶעבְּן.

## ד

## וֶוער קֶען דִיר הֶעלְפְן?

חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט׳, א׳) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַ אִיד: ״וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף דִיר אַ צָרָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁרֵייעֶן צוּ דִי מַלְאָכִים מִיכָאֵל אָדֶער גַבְרִיאֵל, זָאלְסְט נָאר שְׁרֵייעֶן צוּ מִיר און אִיךְ וֶועל אִיךְ הֶעלְפְן״. אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, און זִיכֶער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִים קמ״ו, ג׳) ״אַל תִּבְטְחוּ בִנְדִיבִים, בְּבֶן אָדָם שֶׁאֵין לוֹ תְשׁוּעָה״, פַארְלָאז דִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, וַוייל יֶענֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן.

דער אײנציגסטער וואס קען העלפן א מענטש איז נאר דער אײבערשטער, און דעריבער דארף א מענטש זיין קלוג און ווען ער זעט נישט קיין וועג ארויס פון זיינע צרות זאל ער זיך נאר ווענדן צום אײבערשטן, און דאן וועט אים דער אײבערשטער זיכער העלפן.

מיר האבן דערמאנט פריער איבער דוד המלך וואס זיין גאנץ לעבן האט ער געליטן אזויפיל צרות און יסורים, און אלעמאל איז ער געלאפן צום אײבערשטן. ער האט געזוכט די גוטע זאכן וואס דער אײבערשטער טוט מיט אים, און ער האט זיך אויסגעוויינט צום אײבערשטן אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן און ארויסקריכן פון זיינע צרות.

חז"ל דערציילן (ירושלמי תענית ב', ט') ווי אזוי דוד המלך האט אלעמאל געטראפן דאס גוטס אין יעדע

זאָך, דוד המלך האָט געזאָגט פאַר׳ן אייבערשטן: ״איך בין אַריינגעפאַלן אין די צרה פון בת שבע, האָסטו מיר געגעבן מיין זון שלמה. איך בין אַריינגעפאַלן מיט די צרה אַז די אידן האָבן מיר געטשעפעט, האָסטו מיר געגעבן דעם בית המקדש״. מיט די אַלע צרות וואָס ער איז דורכגעגאַנגען, האָט ער זיך שטענדיג דערהאַלטן און צוריק געקומען צום אייבערשטן.

עס איז נישט געווען נאָך אַ מענטש וואָס האָט געליטן אַזויפיל צרות אין לעבן ווי דוד המלך, אַזוי ווייט אַז חז״ל זאָגן (ילקוט תהלים, תתמ״ג) אַז נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן האָט ער שוין געדאַרפט שטאַרבן, נאָר אָדם הראשון האָט רחמנות געהאַט אויף אים און אים געגעבן זיבעציג יאָר פון זיין לעבן. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין לעבן, און

פון דאָרט און ווייטער איז זיין גאַנץ לעבן געווען איין לאַנגע קייט פון צרות און יסורים מיט וואָס ער האָט זיך שטענדיג געמוטשעט.

וואָס האָט אָבער דוד המלך געטון? ער איז אַלעמאָל געלאָפן צום אייבערשטן, ער האָט זיך שטענדיג אויסגעוויינט צום אייבערשטן, און פון דעם איז געוואָרן דער הייליגער ספר תהלים וואָס דאָס זענען די אַלע תפלות פון דוד המלך. און דאָס האָט ער איבערגעלאָזט פאַר אונז, דער הייליגער ספר תהלים איז געשריבן געוואָרן מיט אַזאַ רוח הקודש, אַז יעדער איד קען זיך טרעפן דערין.

דערפאַר ווען אַ איד האָט אַ צרה, זאָל ער נעמען דעם הייליגן תהלים׳ל און זיך אויסוויינען דערמיט צום אייבערשטן, ער זאָל זאָגן אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל, און נוצן דעם תהלים צו אַנטלויפן

דערמיט פון זיינע צרות און לויפן צום אייבערשטן. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ע"ג) אז ווען א איד זאגט תהלים עפענען זיך אויף פאר אים אלע טויערן פון הימל, ער איז זוכה צוצוקומען צום ריכטיגן טויער וואו ער דארף אנצוקומען, און די טויער עפנט זיך פאר אים.

די עצה איז נישט צו בלייבן ליגן אין די צרות און נאכאנאנד טראכטן און זיך עגבערן אויף די אלע צרות, נאר די עצה איז צו פארגעסן פון די צרות. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כ"ו) אז ביי די וועלט איז א פראבלעם ווען מען פארגעסט, מענטשן מיינען אז שכחה איז א חסרון, דער אמת איז אבער אז דאס איז א גרויסע מעלה, ווייל ווען א מענטש געדענקט און טראכט פון זיינע צרות, קען ער נישט אנגיין אין זיין לעבן, ער האלט אין איין זיך

דֶערְמַאנֶען נָאכְאַמָאל פוּן זַיינֶע צָרוֹת אוּן דוּרְכְפֶעלֶער אוּן דָאס לָאזְט אִים נִישְׁט וַוייטֶער מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אָבֶער אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דַאן קֶען עֶר זִיךְ רוּקְן פָארְאוֹיס אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְן.

דַוְקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אַיינְגֶעטוּנְקֶען אוּן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע צָרוֹת אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַ וֶועג אַרוֹיס, דַוְקָא דֶעמָאלְט זָאל עֶר ווִיסְן אַז זַיין יְשׁוּעָה וֶועט שׁוֹין קוּמֶען, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן זַיין הִילְף. אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן (יַלְקוּט תְּהִלִּים, תר״פ) ״הַנָבִיא אוֹמֵר לְיִשְׂרָאֵל, אִם רְאִיתֶם הַצָּרוֹת שֶׁיְכַסּוּ אֶתְכֶם, מִיַד אַתֶּם נִגְאָלִים״.

דער עיקר וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז איז אז מיר זאל וויסן און געדענקען אז ער איז מיט אונז אלעמאל, ער איז נעבן אונז אלעמאל. חז"ל זאגן (תנא דבי אליהו, פרק י"ח) דער אייבערשטער זאגט: "ווען א איד האט סיי וועלכע צער, בין איך שטענדיג מיט אים", ער וויל נאר אז דער מענטש זאל זיך דערמאנען פון אים און צוריק קומען צו אים. מיר דארפן זיך אויסוויינען ביים תהלים'ל און זאגן א קאפיטל נאך א קאפיטל, און מיר דארפן רעדן צו אים אויף אונזער אייגענע שפראך און אים דערציילן אלעס וואס גייט אויף אונז דורך, און דאן וועלן מיר טאקע קענען פארגעסן פון אלע אונזערע צרות.

רבי נתן האט געהאט א תלמיד מיט'ן נאמען רבי מאיר טעפליקער, ער האט געוואוינט אין די שטאט

טֶעפְּלִיק און עֶר הָאט מְקַרֵב גֶעוֶוען אַסַאך אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען אַ דָארְפְס-אִיד, וָואס פְּלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים צוּ הֶערְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

רֶבִּי מֵאִיר פְּלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פּוּרִים פְּלֶעגְט עֶר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, און צְוֵויי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעלָאזְט דִי לָאדְנְס, פַּארְמַאכְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס, מֶען הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן אַסַאךְ לִיכְט און גֶעגֶעסְן און זִיךְ גֶעפְרֵיידְט און גֶעטַאנְצְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה און פְרֵייד בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט.

אֵיין יָאר פּוּרִים אִיז דֶער דָארְפְס-אִיד גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט צוּ ר׳ מֵאִיר אִינְדֶערְהֵיים מִיטְצוּהַאלְטְן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע סְעוּדַת פּוּרִים. אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאט ר׳ מֵאִיר בַּאמֶערְקְט וִוי אַלֶע טַאנְצְן און פְרֵייעֶן זִיךְ און

נָאר דֶער דָארְפְס-אִיד זִיצְט אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג אוּן הַאלְט נִישְט מִיט דִי שִׂמְחָה. ר׳ מֵאִיר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: ״פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? הַיינְט אִיז דָאךְ פּוּרִים מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ״, הָאט דֶער דָארְפְס-אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וָואס טוּט מֶען אָבֶער וֶוען מֶען הָאט אַ צִבְיָ׳ אוֹיפְן קָאפּ?״ וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טֶעכְטֶער חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, אוּן דִי עֶלְטְסְטֶע הָאט גֶעהֵייסְן צִבְיָ׳, אוּן עֶר הָאט נִישְט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן.

הָאט אִים ר׳ מֵאִיר גֶעזָאגְט: ״אוּן אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְלֶעכְט, אִיז דָאס דִי עֵצָה? צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג? דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְדֶערְש גֶעלֶערְנְט, מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי׳ן אַז וֶוען עֶס אִיז גָאר שְלֶעכְט, שְרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְטְן: ׳צָרוֹת

לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי״״. ר׳ מֵאִיר הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים הַאנְט אוּן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי רִינְג, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן רֶבִּי מֵאִיר שְׁרֵייט צוּם דָארְפְּס-אִיד: ״הֶער מִיךְ צוּ אוּן זָאג מִיךְ נָאךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ׳צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי״״, אוּן דֶער דָארְפְּס-אִיד הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַסַאךְ מָאל מִיט בְּכִיוֹת עֲצוּמוֹת אוּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין הֵייזֶערִיג גֶעוָוארְן.

נָאךְ פּוּרִים הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר אִיד אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם דָארְף אוּן אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם דָארְפְּס-אִיד. דִי עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער צִבְיָ׳ הָאט אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אָנְגְרֵייטְן פַארְ׳ן אוֹרַח עֶפֶּעס צוּ עֶסְן,

דִי מֵיידל אִיז גֶעפָאלְן פַארְ׳ן אוֹרַח, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם דָארְפְס-אִיד: ״אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר אִינֶעם זֶעלְבְּן עֶלְטֶער, אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין?״ דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים, עֶר דַארְף אָבֶּער קוֹדֶם פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי׳ן. וֶוען דֶער אוֹרַח הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וֶוער זַיין רֶבִּי אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער. עֶר הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי׳ן״. הָאט דֶער אוֹרַח גֶעזָאגְט: ״עֶר וֶועט זִיכֶער מַסְכִּים זַיין״. זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אוֹיף טֶעפְּלִיק צוּ רֶבִּי מֵאִיר, אוּן עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם שִׁידוּךְ בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

דָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר אַ אִיד, נִישְׁט צוּ בְּלַייבְּן זִיצְן אִין דִי זַייט פַארְ׳צָרָה׳ט, נָאר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן

קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי אִים, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

## ה

## אִין גַן עֵדֶן אָדֶער אִין גֵיהִנוֹם

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קי״ט) מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז עֶס אִיז דָא אַן עוֹלָם הַזֶה אוּן עֶס אִיז דָא אַן עוֹלָם הַבָּא. מִיר גְלֵייבְּן טַאקֶע אַז עֶס דָא אַן עוֹלָם הַבָּא, אוּן אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶרְגֶעץ אַן עוֹלָם הַזֶה אִין אֵיינֶע פוּן דִי וֶועלְטְן, אָבֶּער דָא אוֹיף דִי וֶועלְט זֶעט אוֹיס וִוי דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, לוֹיט וִויפִּיל צַעַר אוּן יִסוּרִים מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ צוּזַאם דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין עוֹלָם הַזֶה אִיז זִיכֶער נִישְׁט דָא צוּ בַּאקוּמֶען אִין דִי שְׁוֶוערֶע וֶועלְט.

אויב איז דער גיהנום אויף די וועלט, דאן וואו געפונט זיך דער גן עדן? דער אמת איז אז דער גן עדן געפונט זיך אויף די וועלט, עס ליגט אין די הענט פון׳עם מענטש דער אויסוואל אויב ער וויל זיין אין גן עדן אדער אין גיהנום.

חז״ל זאגן (אבות ו׳, ב׳) ״אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה״, ווען א מענטש וויל זיך באפרייען פון זיינע צרות און האבן א גוט לעבן אויף דער וועלט, דארף ער אנטלויפן צו די תורה. צו לערנען תורה, צו היטן די תורה, זיך איינצוליגן אין הייליגע תורה, זיך איינצוליגן אין די הייליגע אמונה. ווען א איד לערנט תורה, ווען א איד דערנענטערט זיך צום אייבערשטן, ער לייגט זיך אריין אין די אמונה צו וויסן און גלייבן אז נאר דער אייבערשטער פירט יעדע זאך אויף דער וועלט, דאן

װערט ער אויסגעלייזט פון זיינע צרות. ער װייסט אז דאס איז נישט פשוט אזוי געשען בדרך הטבע אז ער דארף ליידן צרות, נאר דער אייבערשטער איז דער װאס שיקט אים די צרות, און אויב דער אייבערשטער שיקט עס, האט ער זיכער א גוטע סיבה דערפאר. און דאן לויפט דער מענטש צוריק צום אייבערשטן, ער רעדט זיך אויס צום אייבערשטן, ער װיינט זיך אויס צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער העלפט אים.

חז״ל זאגן (ברכות ה.) ״אויב א צײן אדער אן אויג, װאס איז נאר איין גליד פונעם מענטש, מאכט אז דער מענטש זאל ארויסגיין פריי; איז זיכער אז װען א מענטש האט יסורים, װאס דאס שװאכט אפ דעם גאנצן קערפער, איז זיכער אז דאס באפרייט דעם מענטש״. װען א איד האט א גוי׳אישער קנעכט, און

ער האט געשעדיגט א ציין אדער אן אויג פונעם קנעכט, זאגט די תורה אז דאן גייט דער קנעכט ארויס אויף דער פריי, זאגן אויף דעם חז״ל אז פון דעם לערנט מען ארויס אז ווען א מענטש ליידט יסורים איז זיכער אז דאס וועט אים באפרייען פון אלע זיינע צרות. אבער צו דעם דארף מען האבן אמונה צו וויסן און גלייבן אז יעדע שלעכטע זאך וואס דער אייבערשטער ברענגט אויפ׳ן מענטש איז זיכער פאר זיין טובה, אים אויסצולייזן פון נאך פיל ערגערע און שווערערע צרות.

מענטשן גייען דורך אסאך שוועריקייטן, איינער ליידט פון זיך אליין, א מאן ליידט פון זיין ווייב, א פרוי ליידט פונעם מאן, אנדערע ליידן פון די קינדער, פון שכנים, אדער פון אנדערע מענטשן. מענטשן מוטשען זיך מיט געזונט, מיט נישט

גֶעזונְטֶע קִינְדֶער, מִיט פַּרְנָסָה, מִיט בַּעֲלֵי חובות וָואס לויפְן זֵיי נָאךְ, און אַזוֹי וַוייטֶער פֶּעלְט לֵיידֶער נִישְׁט קַיין צָרוֹת אויף דֶער וֶועלְט. און דִי עֵצָה אִיז נָאר צו אַנְטְלויפְן צו דִי תּוֹרָה, צו אַנְטְלויפְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מֵסִיחַ דַעַת זַיין פון דִי צָרוֹת, פַארְגֶעסְן פון דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, און לֶעבְן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְן ווִי אִין גַן עֵדֶן אויף דִי וֶועלְט.

חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, צ״ב, א׳) אויפְ׳ן פָּסוּק (אִיוֹב ה׳, ז׳) ״אָדָם לְעָמָל יוּלָד״, אַ מֶענְטְש אִיז גֶעבּוירְן גֶעוָוארְן זִיךְ צו פְּלָאגְן אויף דִי וֶועלְט, אָבֶּער וואויל אִיז דֶעם וָואס אִיז קְלוּג און עֶר פְּלָאגְט זִיךְ אויף תּוֹרָה. דָאס אִיז זִיכֶער אַז אַ מֶענְטְש קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרויסְדְרֵייעֶן פון זִיךְ צו דַארְפְן פְּלָאגְן אויף דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער דַארְף לַיידְן און מִיטְמַאכְן שְׁוֶועריקֵייטְן אויף דֶער וֶועלְט. דֶער מֶענְטְש הָאט

אָבֶער אַן אויסְוַואל זיךְ צוּ פְּלָאגְן אויף תּוֹרָה, זיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר אִיז אֵיינְס מִיט דִי תּוֹרָה, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אוּיפְ׳ן מֶענְטְשׁ זָאל עֶר אוּיסְדֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל פַארְגֶעסְן פוּן זַיינֶע צָרוֹת, אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן זַיינֶע צָרוֹת, עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַלֵיין וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי צָרוֹת, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה׳.) ״כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה, יִסוּרִים בְּדֵלִים מִמֶּנוּ״. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, צ״ב, א׳) ״אֵין לְךָ אָדָם שֶׁאֵין לוֹ יִסוּרִים, אַשְׁרָיו לָאָדָם שֶׁיִּסוּרָיו בָּאִים עָלָיו מִן הַתּוֹרָה״, כָאטְשׁ וָואס עֶס נִישְׁט דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין יִסוּרִים, אִיז אָבֶער גוּט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ לֵייגְט זיךְ אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה אוּן אִין דִי אֱמוּנָה, וָואס דַאן הָאט עֶר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי

איבערצוקומען די אַלע צָרות און יסורים, ער ווייסט אַז אַלעס פירט דער אייבערשטער נאר צום גוטן.

אַ איד דאַרף זיך דערהאַלטן און וויסן אַז עס וועט נאך קומען אַ טאג ווען ער וועט פּטור ווערן אינגאַנצן פון אַלע זיינע צָרות, אַזוי ווי חז״ל זאָגן (עבודה זרה נ״ה.) אַז ווען מען שיקט יסורים פאַר אַ מענטש, באַשווערט מען די יסורים די פּונקטליכע באַשטימטע צייט ווען זיי זאָלן אַוועקגיין פונעם מענטש, די פּונקטליכע טאָג, שעה, און רגע. עס איז אָנגעשריבן פאַר׳ן מענטש פּונקטליך וויפיל יסורים עס איז באַשערט פאַר אים, ער וועט נישט באַקומען אַ טראָפּ מער אָדער אַ טראָפּ לענגער. דער מענטש דאַרף נאָר האָבן די כּוחות זיך צו קענען דערהאַלטן און אויסוואַרטן ביז דעמאָלט.

## ו

## ווי אַזוי קען מען זיך דערהאַלטן?

חז״ל דערציילן (ברכות ה׳.) אַז רבי יוחנן האָט געהאַט צען קינדער וועלכע זענען נעבעך געשטאָרבן בײַ זײַן לעבן, רחמנא ליצלן, און ער פלעגט האַלטן בײַ זיך אין טאַש אַ ביינדל פון זײַן צענטן קינד, און מיט דעם פלעגט ער מחזק זײַן מענטשן וואָס זענען אַריבערגעגאַנגען שווערע צרות אין לעבן און געשפירט ווי זיי האַלטן עס מער נישט אויס, האָט ער זיי געשטאַרקט און מחזק געווען אַז עס זענען דאָ נאָך פיל ערגערע צרות אויף דער וועלט, די צרות וואָס ער אַליין האָט נעבעך מיטגעמאַכט.

דאָס איז די גרויסקייט פון אַ צדיק, אַז טראָגן די אַלע צרות און יסורים וואָס ער מאַכט מיט,

דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, אוּן לוֹיפְּט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר זֶענֶען פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז אוּנְז בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיר זֶעעֶן נִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי גוּטְסְקֵייט פוּן דִי צָרוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זוּכְן אַ צַדִיק וָואס זָאל אוּנְז פַארְשְׁטֵיין, וָואס זָאל אוּנְז מְחַזֵק זַיין, אַז אַלֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן זֶענֶען בֶּאֱמֶת גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט עֶס אוּנְז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אוּן מִיר זָאלְן נָאר צוּרִיקְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲזַ״ל זָאגְן (מְנָחוֹת נ״ג:) אַז אַזוֹי וִוי אֵיילְבִּירְטְן גֶעבְּן נִישְׁט אַרוֹיס זֵייעֶר אוֹיל נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען צֶעקְוֶועטְשְׁט זֵיי אוּן מֶען צֶעשְׁטוֹיסְט זֵיי, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי אִידְן וָואס קוּמֶען נִישְׁט צוּרִיק

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְךְ דִי יִסוּרִים וָואס צֶעקְוֶועטְשְׁן זֵיי. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶער, עֶר וִויל נָאר אֵיין זַאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען פוּן אִים, אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוּן רֶעדְן צוּ אִים. וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט עֶר אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, עֶר שִׁיקְט אִים אוּנְטֶער אַ שְׁוֶוערִיקֵייט, אוּן דַאן דֶערְמַאנְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט נָאר אֵיין עֵצָה, צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, תֵּצֵא, ב׳) ״צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסוּרִים בָּאִים עָלָיו, לָמָה? כִּי הַיִּסוּרִים מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען

עֶס קוּמְט אוֹיף אִים יִסוּרִים, פַּארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צוּ דֶעם דַארְפְן מִיר הָאבְּן אַ צַדִיק וָואס זָאל דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז, וָואס זָאל אוּנְז שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין אַז דִי יִסוּרִים זָאלְן אוּנְז נִישְׁט אָוֶועקְשְׁטוּפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי זָאלְן אוּנְז צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט גָאר אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי שִׁבְעָה רוֹעִים; אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, משֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף אוּן דָוִד, וָואס יֶעדֶער פוּן זֵיי בַּאזוּנְדֶער הָאט גֶעלִיטְן גָאר שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן נִישְׁט נָאר וָואס זֵיי אַלֵיין הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, נָאר זֵיי הָאבְּן נָאךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן דֶערְהַאלְטְן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אַלֶע נְבִיאִים הָאבְּן גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע צָרוֹת, יְשַׁעְיָה הַנָבִיא,

יִרְמְיָה הַנָּבִיא, יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא, און אַזוֹי וַוייטֶער. יֶעדֶער תַּנָּא און יֶעדֶער אַמוֹרָא הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶועֶרֶע צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִין אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן גֶעלִיטְן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים. אִין מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, זֵיי זֶענֶען נָאר אַנְטְלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה. און נִישְׁט נָאר וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, נָאר דִי יִסוּרִים הָאבְּן זֵיי נָאךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ מֶער און גְרֶעסֶער, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִּים צ״ד) ״חֲבִיבִין יִסוּרִים לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁשְּׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חַל עַל מִי שֶׁהַיִסוּרִין בָּאִין עָלָיו״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס נָאמֶען רוּהט אוֹיף דֶעם וָואס הָאט יִסוּרִים און עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ און לוֹיפְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲזַ״ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי, מ״ח) וואוֹיל אִיז פַּאר דֶעם מֶענְטְש וָואס עֶר לַיידְט יִסוּרִים און עֶר הַאלְט זִיךְ אַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, און דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי דֶעם כֹּחַ צוּ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן. נִישְׁט אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן גְרוֹיס אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי צַייט וָואס זֵיי וֵוייסְן בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דָאס מֵיינְט יִסוּרִים, נָאר זֵיי הָאבְּן דָאס אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע הוֹיט, זֵיי הָאבְּן דָאס אַלֵיין דוּרְכְגֶעמַאכְט, און דֶערְפַאר קֶענֶען זֵיי אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע.

וואוֹיל אִיז פַּאר אַ מֶענְטְש וָואס טְרֶעפְט אַן אֱמֶת׳ן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִיק, וָואס קֶען אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן און מְחַזֵק זַיין, וָואס קֶען אִין אִים

אַרײַנגעבן שׂכל צו וויסן וואָס צו טון אין אַ שווערע מינוט, צו וויסן אַז די איינציקסטע עצה איז נאָר צוריק צו קומען צום איבערשטן, זיך אויסצורעדן צום איבערשטן, נאָר דאָס איז דער וועג צו פאַרגעסן פון אַלע צרות און האָבן אַ גוט לעבן אויף דער וועלט.

## ז

## שטאַרקן אַ צווייטן

אַנשטאָט צו בלײַבן פאַרזאָרגט מיט די אייגענע צרות און פּראָבלעמען, און נאָר טראַכטן פון דעם אַ גאַנצן טאָג, דאַרף מען ענדערש גיין מחזק זײַן אַנדערע אידן, קרובים און באַקאַנטע, וועלכע מוטשען זיך אויך מיט זייערע פּראָבלעמען. ווען מען איז מחזק אַ צווייטן, מען שטאַרקט אַ צווייטן אַז ער זאָל זיך נישט פאַרלירן אין זײַנע שווערסטע

מַצָבִים, וַוייל אַלֶעס אִיז זִיכֶער צוּם גוּטְן, און דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וֶוערְט מֶען אַלֵיין אוֹיךְ גֶעשְׁטַארְקְט.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה צוּ שְׁטַארְקְן און מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד אַז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דֶעמָאלְט וֶועט עֶר וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, נָאר פוּנְקְט פַּארְקֶערְט, עֶר זָאל נָאךְ מֶער לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ק"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִים ל"ב, א') "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל", וואוֹיל אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַן אָרִימַאן. וֶוער אִיז אַן אָרִימַאן? נִישְׁט דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיז אַן אָרִימַאן, דֶער עִיקָר אָרִימְקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ

הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט און נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען לוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֶעבְּן דֶעם שֵׂכֶל אִין אַן אָרִימַאן, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ.

חֲזַ״ל זָאגְן (יַלְקוּט אִיוֹב, תתק״ח) אַז וֶוען נִישְׁט דֶעם וָואס אִיוֹב הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט און גֶעהַאט טַעֲנוֹת קֶעגְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע יִסוּרִים, וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט ״אֱלֹקֵי אַבְרָהָם, אֱלֹקֵי יִצְחָק, וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב״, וָואלְט מֶען אוֹיךְ גֶעזָאגְט ״אֱלֹקֵי אִיוֹב״. אִיוֹב אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען אוֹיף אִים יִסוּרִים, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן און עֶר הָאט גֶערֶעדְט קֶעגְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶערִיבֶּער הָאט עֶר פַארְלוֹירְן דִי זְכִיָה צוּ קֶענֶען זַיין דֶער פֶערְטֶער פוּס

פון די מֶרְכָּבָה. אַנְשְׁטָאט אִים אִיז גֶעקוּמֶען דָוִד הַמֶלֶךְ, וָואס מֶען עֶנְדִיגְט מִיט אִים דִי בְּרָכָה "מָגֵן דָוִד". וַוייל דָוִד הַמֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע צָרוֹת זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן, עֶר אִיז נָאר גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעס מָאל אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּ אִים, אוּן נִישְׁט נָאר וָואס עֶר אַלֵיין הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, נָאר עֶר הָאט נָאךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט אַלֶע אִידְן, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיין סֵפֶר תְּהִלִים וָואס בִּיז הַיינְט וֶוען אַ אִיד הָאט אַ צָרָה נֶעמְט עֶר דֶעם תְּהִלִימ'ל אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס דֶערְמִיט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד טוּן, וֶוען עֶר אִיז אִין אַ צָרָה זָאל עֶר נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן דָארְט אִין זַיין אֵייגְן פֶּעקֶל, נָאר עֶר זָאל לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

און עֶר זָאל נָאךְ מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע. דָאס אִיז דֶער פְּשַט פוּן דֶעם וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (תַּעֲנִית ח.) ״כָּל הַשָּׂמֵחַ בְּיִסוּרִים הַבָּאִים עָלָיו, מֵבִיא יְשׁוּעָה לְעוֹלָם״, וֶוען אַ אִיד קֶען זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ טְרָאץ דִי יִסוּרִים וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ, בְּרֶענְגְט עֶר מִיט דֶעם אַ יְשׁוּעָה פַאר דִי וֶועלְט, עֶר אִיז מְחַזֵק און עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוֹיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, און מִיט דֶעם הֶעלְפְט עֶר אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

חֲזַ״ל זָאגְן (סִפְרִי, וָאֶתְחַנַּן, ל״ב) אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס קוּמֶען אוֹיף אִים, נָאךְ מֶער פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר בַּאקוּמְט. וַוייל פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וֶועט עֶר נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער מִיט דִי יִסוּרִים וֶועט עֶר יָא אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת. דָאס דַארְף אַ אִיד הַאלְטְן פַאר דִי

אויגן אַז אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס עֶר הָאט אִיז זִיכֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, און דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג אַרוֹיס אִיז נָאר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה און צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק ו׳) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף אִים יִסוּרִים זָאל עֶר נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, און דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי יִסוּרִים אַוֶועקְגֵיין פון אִים.

## ח

## ס׳אִיז גוּט אָדֶער נִישְׁט גוּט?

דֶער אוֹיסְוַואל לִיגְט אִין דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט פון יֶעדְן מֶענְטְשׁ. צָרוֹת און יִסוּרִים לַיידְט יֶעדֶער אֵיינֶער, קֵיינֶעם גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט וִוי עֶר וִויל, און דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי בְּרֵירָה זִיךְ אַריינְצוּקְוֶועטְשְׁן אִין זַיינֶע צָרוֹת און טְרַאכְטְן נָאר פון דֶעם, און מִיט

דֶעם זיךְ אַלֵיין דֶערְבִּיטֶערְן זַיין לֶעבְּן און דָאס לֶעבְּן פון אַלֶע אַרום אִים.

אָדֶער קֶען דֶער מֶענְטְש הָאבְּן שֵׂכֶל און וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס שִׁיקְט אִים דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן נָאר אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן פון שְׁלָאף, און דֶער מֶענְטְש וֶועקְט זיךְ טַאקֶע אוֹיף, עֶר מַאכְט זיךְ צַייט אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג זיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר לֵייגְט זיךְ אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה צוּ וִויסְן און גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט אִים אוֹיף טְרִיט און שְׁרִיט און אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן.

דֶער מֶענְטְש טְרַאכְט אַרַיין אִין דִי פִּילֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר פְרֵיידְט זיךְ מִיט דֶעם און עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים. און אַנְשְׁטָאט צוּ בְּלַייבְּן דֶערְבִּיטֶערְט מִיט זַיינֶע

צָרות, פַארְגֶעסְט ער פון זֵיי, עֶר הַאלְט זיך פְרֵיילִיך און עֶר מַאכְט נָאךְ פְרֵיילִיךְ אויך אַנְדֶערֶע אִידְן.

אַזַא מֶענְטְש אִיז אַן אֱמֶת'דִיגֶער גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְש, עֶר הָאט דֶעם גַן עֵדֶן אויף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גוט אויף דִי וֶועלְט, און עֶס וֶועט אִים זֵייעֶר גוט זַיין אויף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**